א. שבת הגדול איז דער שבת פאר פסח, וואס דער טעם אויף דעם וואס ער הייסט שבת הגדול, איז ווי דער אלטער רבי ברייננגט אראפ אין שו"ע (סי' תל ס"א) [וואס אע"פ אז עס איז דא אין דעם כמה טעמים וואס ברענגען זיך אראפ אין ספרים פון גדולי ישראל, (ראה נ"כ טושו"ע או"ח סי' תל, טעמי המנהגים ע' רו ואילך, הגדה שלימה ע' 50 ואילך) וואס אלו ואלו דברי אלקים חיים (עירובין יג,ב), וכמבואר אין המשך תרע"ב אז אלע מחברים וואס זיינען נתפשט געווארן און אנגענומען געווארן בכל תפוצות ישראל, ביז'ן מהרש"א וכו', האבן זיי געזאגט און געשריבן דבריהם ברוה"ק, וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז דאס מיינט ניט נאר ביז'ן מהרש"א, נאר אז ביז דעם מהרש"א איז דאס בוודאות און דערנאך דארף מען מברר זיין און בודק זיין,

איז אפי' אז אלו ואלו דא"ח פונדעסטוועגן ברענגט ער אין שו"ע, – וואס שו"ע איז דאך פסקי דינים, – נאר איין טעם, וואס דאס מיינט דאך ניט שולל זיין די אנדערע טעמים, נאר די אנדערע טעמים קומען בדרך הוספה אויף דעם טעם העיקרי, אויב ס'איז ניט סותר דעם טעם העיקרי, וואס אפי' ווען ס'איז א סתירה, ווי די גמרא זאגט (יבמות יג,ב) אלו אוסרין ואלו מתירין זאגט מען דאך אויך אלו ואלו דא"ח (עירובין שם), נאר בנוגע לפועל קען מען דאך ניט טאן א דבר והיפוכו, אבער ווען ס'איז ניט קיין סתירה, נאר בדרך הוספה דעמאלט קען זיין אלו ואלו דא"ח בנוגע לפועל.

ועד"ז ווי דאס איז בנוגע צו שבת הגדול, ברענגט זיך אראפ אין מחזורים (ראה הגדה של פסח עם ליקוטי טעמים וכו' קטע שבת הגדול ובהגדה שלימה ע' 54) – וואס זיינען נתקבל געווארן אין א סאך קהילות בישראל, איז דאך דאס אויך דא"ח, – אז דער שבת וואס פאר שבועות ווערט אויך אנגערופן שבת הגדול, איז דאך דאס ניט דער ענין העיקרי פון שבת הגדול, ס'איז מערניט וואס בשבת פאר שבועות מאכט מען א מעין פון שבת הגדול שלפני פסח, אבער דער ענין עיקרי פון שבת הגדול איז דער שבת וואס פאר פסח, און פון דעם איז נמשך אויף א גאנץ יאר, ע"ד ווי אלע ענינים וואס זיינען איין מאל א יאר אדער עטליכע מאל א יאר, ווערן זיי נמשך אויף א גאנץ יאר.

עד"ז איז בנוגע צו דעם וואס דער אלטער רבי ברענגט אין שו"ע נאר איין טעם, און ניט ווי דאס איז אין אנדערע ערטער, וואס ער ברענגט כמה טעמים, און נאכמער, ער איז אפי' ניט מרמז אויף אנדערע טעמים, ווייל דאס איז דער טעם העיקרי, און די אנדערע טעמים זיינען א תוצאה, און נכלל און נמשך און נשפע, פון דעם טעם העיקרי].

ברענגט ער דארטן אז דאס הייסט שבת הגדול ווייל דעמאלט איז געווען א "נס גדול", וואס ער זאגט ניט נס סתם נאר נס גדול.

[וואס אפי' ווען ס'דואלט זיין א נס סתם, איז דאך אויך דער שבת אויסגעטיילט פון אלע אנדערע שבתים, ווארום דער ענין פון שבת בכלל איז דאך אז ער איז דער שבת פון די ששת ימי המעשה, איז ער זייערער יום השביעי, וואס זיי זיינען די שבעה ימי ההיקף פון טבע, און דער יום השמיני איז למעלה פון היקף (פון טבע) (ראה תשובות הרשב"א ח"א סי' טו) משא"כ די שבעה ימי ההיקף זיינען אין טבע, איז ווען ס'איז דא א שבת וואס אין אים איז דא א נס (אפי' א נס סתם), איז ער דאך שוין אויס געטיילט פון די אנדערע שבתים, ווארום אין טבע, איז דא א נס וואס איז למעלה מהטבע איז דאך מצד דערוף אליין קען דאך דאס הייסן שבת הגדול].

אין וואס איז באשטאנען דער נס גדול, זאגט ער דארטן אז בעשור לחודש [וואס בשנה זו איז דאס בשבת, אזוי ווי ס'איז געווען דעם ערשטן

מאל] איז געווען דער "ויקחו להם איש שה וגו׳" (שמות יב,ג) און מ׳האט דאס געטאן מיט א שטורעם און א פרסום, האבן די בכורי מצרים געפרעגט מאי האי, האט מען זיי געזאגט אז דאס גרייט מען זיך אויף דער גאולה, און ס׳וועט זיין מכת בכורות, האבן די בכורים גע׳טענה׳ט (צו די מצריים) אז מ׳זאל ארויס לאזן די אידן, און דאס האט ניט געהאלפן איז געווארן דער "למכה מצרים בבכוריהם" (תהילים קלו,י),

וואס איז דא דער "נס גדול"? האט מען דאס גערעט אמאל באדוכה, (נדפס בלקו"ש פ׳ צו שבה"ג חשל"ד) אז זייענדיק אין מצרים, נאך פאר די גאולה – וואס איז געווען בט"ו ובלילה שלפניו, וואס דעמאלט איז דאך געווען אפי׳ עבד אחד אינו יכול לברוח משם (מכילתא יתרו יח, יא, ופירש"י שם, ט), און פרעה איז געווען א מושל בכיפה, (מכילתא בשלח יד, ה) און ער איז דאך געווען בתקפו, איז דאך דאס געווען שעבוד מצרים, איז דאך אפי׳ ווען ס׳וואלט זיין "למכה מצרים" אליין, איז דאך דאס אויך א נס, און דא איז געווען נאך מער – "למכה מצרים בבכוריהם", מני׳ ובי׳ אבא לשדי׳ בי׳ נרגא (ראה סנה׳ לט,ב) און ווי ס׳רעט זיך אין חסידות אז ס׳איז דא צוויי אופנים: אדער מבטל זיין די קליפה; אדער א העכערער אופן – דער ענין פון אתהפכא, וואס דאס איז דער ענין פון למכה מצרים בבכוריהם,

ניט ווי דער ענין פון וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים (שמות יד, ל), אדער דער ענין פון מכת בכורות, וואס דאס איז אלץ למכה מצרים סתם, און דא איז געווען דער אויפטו פון למכה מצרים בבכוריהם דער ענין פון אתהפכא.

און ס׳איז געווען נאך פאר די יציאה ביד רמה, וואס "ביד חזקה יגרשם מארצו" (שמות ו,א), נאר מ׳האלט נאך אין גלות, און ניט נאר אז עס קען ניט זיין יוצאים ביד רמה, נאר עס קען בכלל ניט זיין קיין יציאה, (ווארום אין עבד יכול לברוח משם) איז נאך זייענדיק אין מצרים, האט זיך אופגעטאן דער למכה מצרים בבכוריהם – דער ענין פון אתהפכא, וואס דאס מיינט נס גדול, און דערפאר הייסט דאס שבת הגדול, [און פון דעם טעם עיקרי ווערט אויך נמשך די אנדערע טעמים, וואס מ׳זאגט א לאנגע דרשה וכו׳ (ס׳ הפרדס לרש"י ע׳ שמג, שבה"ל סי׳ ר"ה)],

און אזוי איז דאס אויך בכל שנה ושנה, אז ס׳איז דא דער ענין פון נזכרים ונעשים, און ווי גערעט כמ"פ פון דעם אריז"ל (ראה רמ"ז בספר תיקון שובבים) אז דורך דעם וואס ס׳איז נזכרים כדבעי, ווערן נמשך׳אלע המשכות והשפעות פון שבת הגדול, און ס׳ווערט אויפגעטאן דער נס גדול, אפי׳ ווען מ׳שטייט נאך אין גלות.

און אזוי ווי ס׳איז געווען דעמאלט נאך אין מצרים ווען ס׳איז געווען מכת חושך, ווי ס׳איז דא אין דערויף די דיעות אין מדרשים (ראה בחיי בא י,ה, מפרשי המדרש שמו"ר ט, יב, תנחומא ישן בא י"ח) וואס דעמאלט איז נאך געווען אזוינע אידן וואס האבן ניט געוואלט ארויס גיין פונעם אשר נאכל במצרים חנם וכו׳, פונדעסטוועגן איז שוין דעמאלט געווען דער למכה מצרים בבכוריהם,

וואס דאס איז די הוראה און נתינת כח וואס אע"פ אז אכתי עבדי דאחשורוש אנן (מגילה יד,א), נאך פאר אתחלתא דגאולה, און ס׳איז א חושך כפול ומכופל ביז וימש חושך (שמות י,כא), דארף זיין דער משכו וקחו, (שמות יב,כא) משכו ידיכם מע"ז (מכילתא שם ועוד), (וואס דאס מיינט דאך ניט ע"ז כפשוטו, ווארום צו דעם האט א איד קיין שייכות ניט, ובפרט ווי די גמרא זאגט (ראה יומא סט,ב) אז מ׳האט מבטל געווען דעם יצה"ר פון ע"ז, נאר דאס מיינט כפי׳ כ"ק מו"ח אדמו"ר משכו ידיכם מעבודה

הנחת הה׳ בלתי מוגה

- שהיא -

שהיא זדה לכם, אז ס'איז פרעמד צו איס, ווארום ווי קומט דאס צו א אידן ליגן אין שטותים), און קחו תורה ומצות,

און ער פועל'ט דעם ענין ביי זיך, און ער טוט דאס מיט א שטורעם, ביז אז דאס פועל'ט אויף א צווייטן אידן, און ביז אז ער פועל'ט דאס אויף די גאנצע וועלט אזוי ווי דאס איז געווען דעמאלט.

וכידוע די תורה פון בעש"ט (כש"ט בהוספות ע' כ"ד (אות ע"ח, הוצאת קה"ת)) [במדובר לעיל אין די התוועדות פון פורים בארוכה] אז הקורא את המגילה למפרע לא יצא, אז ווען ער לייענט דאס אין א אופן אז ס'איז געווען אמאל און איצטער איז נאר וואס ער דערמאנט זיך אויף דעם, מיט א זכרון טוב ותשומת לב איז לא יצא, וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז איז דאס אויך אין אלע ענינים פון תורה.

און ווי ס'איז ידוע דער ווארט פון רבי'ן (לקו"ד ח"א קסד,א ואילך) אז ער האט דערציילט א מעשה מיט א חייל וואס איז אמאל געווען אין צבא, און ער האט זיך פארבעסטעלט ווי ער שטייט פאר'ן מפקד אדער פאר'ן קיסר, איז ער געפאלן חלשות בפועל, ובשיחה הידוע פון הערן און דערהערן (נדפס בסה"מ חש"ת ע' 252 ואילך), און איבערלעבן (כנ"ל),

ועד"ז איצטער, אז נאך זייענדיק אין גלות, וויסנדיק די תודה – הוראה פון רבותינו נשיאנו (נדפס בסה"מ קונטרסים ח"א קעה,ב) אז "נים מיט אונזער ווילן זיינען מיר אוועק (אין גלות) פון א"י, און ניט מיט אונזערע כוחות וועלן מיר צוריק קומען אין א"י", נאר דער אויבערשטער וואס ברצונו האט ער אונז געבראכט אין גלות, וועט ער אונז ברצונו ארויסנעמען פון גלוה, דורך אונזער תשוקה און געגועים צו דער גאולה, כמבואר בכ"מ (ראה שיחת אחש"פ תרצ"ט), פועל'ט ער דעם ענין פון משכו ידיכם מע"ז וקחו לכם הומ"צ, און ער פועל'ט דאס אויך אויף ב"ב – שה לבית –, און אויף אלע אידן, ביז אפי' גוים אז ס'ווערט למכה מצדים בבכוריהם, אז אייך גוי שלאגט א צווייטן גוי ער זאל ארוים לאזן אידן פון גלות, אזוי ווי ס'איז געווען דעמאלט.

און בימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקינו בקרוב ממש.

ב. ווי געדעס כמ"פ, אז ב'איז דא א הוראה פון די קביעות פון יעדן יאר, וואס שבת הגדול מוז דאך ניט אויספאלן בעשור לחודש, ווי ער זאגט אין שו"ע אין דעם זעלבן סימן. איז פון דעם וואס אין דעם יאר פאלט דאס אויס בעשור לחודש איז דא א הוראה מיוחדת פון די קביעות.

וואס אעפ"י אז דער מנין פון ימי השבוע און דער מנין פון ימי החודש זיינען צוויי באזונדערע עבודות און המשכות, און ווי מען זעט דאס פון דעם שיר של יום, און פון דעם שיר שהיו הלויים אומרים בביהמ"ק, וואס זיי האבן דאס געזאגט בשליחות פון כלל ישראל, אלס נתונים נתונים המה לי מתוך בנ"י (במדבר ח,טז), וואס ס'איז דא דער שיר פון יום ראשון, לה' הארץ ומלואה, ווייל ביום הראשון איז באשאפן געווארן הארץ ומלואה, עד"ז בנוגע צו יום שני וכו', און ס'איז דא דער שיר וואס זיי האבן געזאגט אויף די מוספים פון ימים טובים ומועדים, זעט מען דאך אז דאס איז צוויי באזונדערע ענינים, ובפרט ווי דאס איז עפ"י קבלה אז ס'איז באזונדערע כוונות.

פונדעסטוועגן האבן זיי א ווירקונג איינע אויף די אנדערע, אזוי ווי מ'זעט דאס בנוגע יו"ט של ר"ה שחל להיות בשבת, ווי גערעט אמאל בארוכה, וואס דעמאלט מוז ניט זיין דער ענין פון תקיעת שופר, ווי

– ס'איז –

ס׳איז מבואר אין חסידות (לקו"ת ר"ה נז, סע"ב) אז דורך דעם ענין פון שבת ווערן נמשך די המשכות וואס ווערן נמשך דורך תקיעת שופר, וואס דערפאר דארף מען ניט אנקומען צו תק"ש (וואס פון דעם זעט מען אז דער ענין פון ימי השבוע (שבת) האט א ווירקונג אויף ימי החודש (מועדים)).

וואס דאס איז אזוי בכלל, און בפרט ווען ס׳קומט דער ענין פון ימי השבוע צוזאמען מיט ימי החודש, ועד"ז דא ווען שבת הגדול פאלט אויס בעשור לחודש, איז דעמאלט די הוראה פון שבת הגדול בתוקף יותר, ווארום דאס איז אזוי ווי בפעם הראשונה, סיי בנוגע צו ימי השבוע, און סיי בנוגע צו ימי החודש.

וואס דא דארף מען פארשטיין: וואס איז די שייכוח פון דעם נס וואס איז געווען בעשור לחודש צו שבת דוקא? וואס·אע"פ וואס ער זאגט אין שו"ע א טעם שלילי פארוואס מ׳האט דאס ניט קובע געווען בחול צוליב מרים וכו׳, אבער וויבאלד אז אלע ענינים זיינען דאך בדיוק, איז דאך פארשטאנדיק אז נוסף אויף׳ן טעם שלילי דארף זיין א טעם חיובי, פאדוואס מ׳האט דאס קובע געווען בשבת (וואס דאס גופא איז דער ביאור פארוואס דאס איז געווען בשבת), און נאך איידער ער ווייס דעם טעם הדיחוי ווייס ער אז דאס הייסט <u>שבת</u> הגדול. דארף מען פארשטיין וואס איז די שייכות צו שבת?

וואס לכאו׳ למאי נפק"מ צי דאס איז געווען בשבת? איז דאס א גרויסע נפק"מ: ס׳איז דאך קיימו האבות כל התורה כולה עד שלא נתנה (נסמן בלקו"ש ח"ה ע׳ 266 הערה 20) ועד"ז בניהם אחריהם, און אפי׳ לויט די וואס זאגן אז דאס איז געווען נאר ביי די אבוה און די שבטים, (ראה לקו"ש שם ובהערה 23 שם) איז דאך אבער בנוגע צו שבת, איז לכל הדיעות געווען שמירת שבת ביי <u>אלע</u> אידן, אויך אין מצרים, ווי ס׳שטייט אין מדרש (שמו"ד פ"א, כח, פ"ה יח) אז משה רבינו האט גע׳פועל׳ט ביי פרעה - נאך איידער ער איז אנטלאפן אין מדין, וואס דאס איז געווען כמה שנים פאר׳ן בעשור לחודש - אז ס׳זאל זיין דער ענין פון שמירת שבת ביי אידן.

און דער ענין פון משכו וקחו, איז בפשטות האט מען דאך געדארפט גיין און קויפן, און מאכן א קנין, איז דאך דאס א ענין פון מקח וממכר, און פארבונדן מיט טלטול בעלי חיים וכו׳, אע"פ אז מ׳קען זיך דינגען צי דאס איז דאורייתא אדער דרבנן (ראה שד"ח, שו"ת דב"ח סי׳ פא), איז דאך אבער ידוע די תשובה פון חח"ס (חו"מ סי׳ קצה) אז במה דבדים אמודים דוקא אויב דאס איז ניט העדר המנוחה, אבער אויב ס׳טוט זיך אין אן אופן פון קבע וכו׳, און ס׳איז פארבונדן מיט א ענין פון היפך המנוחה, דעמאלט איז דאס א דאורייתא, מצד די מ"ע פון ביום השביעי תשבות (שמות כג, יב) איז דאך פארשטאנדיק אז ווען ס׳איז געווען דער משכו וקחו ביי אלע אידן, און ס׳איז געווען מיט א טומעל וכו׳, איז דאך דאס היפך המנוחה, איז דאך ניט פארשטאנדיק: פארוואס האט דאס געדארפט זיין בשבת?

ס׳איז קיין קשיא ניט ווי האבן דאס אידן געטאן, ווי געדעט אמאל בארוכה, אז דאס וואס קיימו האבות את כל התורה עד שלא ניתנה (ולכא׳ געפינט מען אין דערוף סתירוה), איז אבער ווען ס׳איז געווען א ציווי מפורש פון דעם אויבערשטן, אדער מצד שבע מצוות ב"נ, איז דעמאלט עפ"י ההודה דארף מען פארבויגן אויף א ענין של הידור צוליב א ציווי מפורש, [וואס דערמיט איז פארשטאנדיק דאס וואס יעקב האט גענומען שתי אחיות וכו׳ ווי שוין גערעט אמאל בארוכה, און שוין געדרוקט (לקו"ש ח"ה ע׳ 145 ואילך)]. איז עד"ז בנוגע צו דעם ציווי פון משכו וקחו, איז אע"פ אז דאס איז געווען בשבת, האבן דאס אידן געדארפט טאן מצד דערויף וואס ס׳איז דא דער ציווי מפורש משכו וקחו.

<u>הנחת הה׳ בלתי מוגה</u>

די שאלה איז אבער - למה עשה ה' ככה? איז דאך פון דעם פארשטאנדיק אז ס'האט א שייכות צו שבת, נוסף אויף דערויף וואס דער קרבן דארף האבן ביקור ד' ימים (פסחים צו,א), (וואס די ד' ימים האבן זיך אנגעהויבן פון שבת) און פסח איז דאך דוחה שבת, [ווי מ'לערנט דאס ארויס פון "במועדו" (פסחים סו,א)], איז עד"ז אויך בנוגע די הכנות וואס דער קרבן דארף האבן, די שאלה איז אבער פארוואס האט דער אויבערשטער לכתחילה איינגעשטעלט אז ס'זאל זיין בשבת?

איז דער ביאור אויף דערויף, בהקדים וואס דער צ"צ - וואס י"ג ניסן איז דער יום הילולא שלו - ברייננגט אין די רשימות אויף תהילים (יהל אור ע' שכח ואילך, ובמילואים שב) אויף'ן פסוק מזמור שיר ליום השבת, דעם מדרש (ילקוט בחוקותי רמז תער"ב, מח"כ שם) אז שבת איז שבו שבת מן המזיקים, איז ער מבאר אין מדרש אויף צוויי אופנים: אדער אז ס'איז ניטא קיין מזיקים; אדער אז ס'איז דא די מציאות פון די מזיקים נאר זיי זיינען ניט מזיק, און דער ענין פון שבת איז דער העכערער אופן אין דעם, אז ס'איז דא מציאות המזיקים נאר זיי זיינען ניט מזיק. וואס דאס איז אויך דער ענין וואס בשבת איז שמשה אורה לו' שעות (ב"ר פי"א,ב) וואס דאס איז אלץ דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא ומרירו למיתקא.

און בשעת ס'דארף זיין דער נס גדול פון למכה מצרים בבכוריהם, וואס דאס איז בדוגמת ענין האתהפכא, אז נאך זייענדיק אין מצרים אין תוקף הגלות, איז געווען דער למכה מצרים <u>בבכוריהם</u>, איז דער זמן המתאים אויף דערויף איז אין <u>שבת</u>, ווארום דאס איז עניינו פון שבת, און דער ענין האט זיך ניט אויפגעטאן דעמאלט, נאר נאך פאר יצי"מ, פון שי"ב אן נאך חטא עה"ד, וואס חטא עה"ד האט דאך געבראכט דעם ויגרשהו, וואס דאס איז דער ענין הגלות וואס גלות מצרים איז דער שורש פון אלע גלויות, (לקו"ת להאריז"ל פ' תצא) איז גלייך נאך דעם איז געווען דער שמשה אודה לו' שעות, און שבת מן המזיקים, בדוגמא ווי דאס איז געווען קודם החטא, ווי די גמרא זאגט (סנהדרין נט,ב) אז דער נחש הקדמוני שמש גדול הי', ועד"ז ביי גלות מצרים, אז עס האט געדארפט זיין די הכנה צו דער גאולה, איז דאס געווען אין א אופן פון אתהפכא, וואס דאס איז דער ענין פון למכה מצרים בבכוריהם, וואס דאס איז אויך דער ענין פון שבת, וואס דערפאר איז דאס טאקע געווען בשבת.

וואס דאס איז אויך דער ביאור אין א זייטיקן ענין, וואס לכאו' האט דאס ניט קיין שייכות דערצו, און דאס איז וואס ער זאגט אין מדרש (פירש"י בראשית ב,ב. וראה ב"ר פ"י,ט) מה הי' העולם חסר מנוחה בא שבת בא מנוחה, משל לטבעת וואס מה חסרה טבעת זו חותם וכו',

וואס אין דערויף איז ניט פארשטאנדיק: ס'איז דאך דא תורת ההר"מ ווי דער מיטעלער רבי ברייננגט דאס אין סידור (שער הק"ש עה, סע"ד ואילך) אז זמן איז א נברא. וואס מ'קען לערנען בפשטות, אז פריער איז געווען ענינים וואס זיינען ניט פארבונדן מיט זמן, און דערנאך זיינען באשאפן געווארן ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט זמן. אבער דער אמת איז ניט אזוי, ווארום ניט דאס איז דער אויפטו פון דעם וואס זמן איז א נברא, און ניט דאס איז דער אויפטו פון אלקות שלמעלה מהזמן, ווארום דער ענין איז דאך דא ביי יעדן ענין רוחני, ולדוגמא - א סברא שכלית, אז מודה במקצה חייב שבועה, און כופר הכל איז פטור משבועה (שבועות מב,ב וש"נ), אדער וואס דער רמב"ם זאגט אז הכל איז גרעסער פון א חלק, איז דאך די סברא ניט פארבונדן מיטן זמן, און אין דערויף איז ניט שייך שינויים פון עבר הוה און עתיד,

נאר דער פירוש איז אז דער ערשטער רגע פון זמן איז נתהווה

- געווארן -

<u>הנחת הח' בלתי מוגה</u>

געווארן, [וואס דאס איז וואס עס שטייט (בראשית א,ה) ויהי ערב ויהי בקר] בדוגמא ווי ס׳איז נתהוה געווארן א ענין פון צומח און דומם, חי און מדבר.

וואס לפי"ז איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס זאגט מען אז מה הי׳ העולם חסר מער ניט ווי מנוחה וכו׳, ס׳האט דאך געפעלט דער גאנצער זמן פון שבת, ווארום יעדער רגע פון זמן איז דאך נתהוה געווארן, אזוי ווי דער זמן פון יום השישי איז ניט דער זמן פון יום השלישי, איז עד"ז דער זמן פון שבת ניט דער זמן פון יום השישי, ובלשון הזוהר (ראה זח"ג צד,ב.) כל יומא ויומא עביד עבידתי׳ דאס וואס איז געווען די ימים נאך שבת איז מערניט ווי חידוש הישנות, אבער די ערשטע זיבן טעג האט געדארפט זיין א התהוות חדשה, [ס׳איז מער ניט וואס ס׳איז כלול בהעלם ובכח אין דעם ערשטן טאג וואס דעמאלט זיינען באשאפן געווארן שו"א וכל תולדותיהם (רש"י בראשית א,יד)] הייגט ווי קען מען זאגן אז מה הי׳ העולם חסר נאר מנוחה, ס׳האט דאך געפעלט דער גאנצער זמן פון שבת?

נאר דער ביאור אין דערויף איז, אז ס׳איז היינו הך. דער זמן פון שבת איז א ענין פון מנוחה.

וואס דא זעט מען דעם ענין פון אתהפכא וואס איז דא אין שבת, וואס זמן בכלל איז דאך די שינויים פון עבר הוה און עתיד, און דא איז דער זמן, א ענין פון מנוחה און ניט שינויים, וואס דאס איז דער זמן פון שבת, א ענין פון מנוחה.

[וואס דאס איז וואס מ׳זאגט אויף מזמור שיר ליום השבת ליום שכולו שבה ומנוחה לחיי העולמים (משנה סוף תמיד), וואס פאר דערויף זאגט מען דאך ח"ת אין להם מנוחה לא בעוה"ז ולא בעוה"ב (סוף ברכות), דערנאך איז דא דער אלף השביעי, וואס דאס איז א גאנצער מעל"ע פון דעם אויבערשטן, וואס יומו של הקב"ה אלף שנה (סנהדרין צז,א. ובב"מ), און דער גאנצער זמן איז א ענין פון מנוחה, היפך פון ענין השינויים].

ד.ה. אז אין שבה זיינען דא שני הפכים, אז דער זמן גופא (פון שבת) - וואס ענינו איז שינויים, עבר הוה ועתיד - איז למעלה מהזמן - מנוחה וואס דאס איז דוגמת הענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא.

וואס ענין המנוחה איז די מ"ע פון ביום השביעי תשבות, נוסף אויף דער ל"ת פון לא תעשה כל מלאכה (שמות כ,י), וואס דאס איז שלילה והעדר, איז אויך דא א ענין חיובי פון תשבות (צפע"נ הל׳ שבת פכ"א ה"א).

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט דעם נאמען פון שבת הגדול, וואס שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש איז שבת הגדול, א גרויסער שבת, וואס דער פירוש הפשוט בזה איז, אז ס׳קען דאך זיין שבת מן המזיקים ניט אין דעם אופן נעלה, נאר אז ס׳איז ניטא די מזיקים, וואס דאס איז שבת סתם, און שבת הגדול איז דער אופן נעלה פון שבת מן המזיקים, אז ס׳איז דא זייער מציאות, נאר זיי זיינען ניט מזיק, וואס דאס איז דער ענין פון למכה מצרים בבכוריהם, וואס ס׳קען זיין למכה מצרים סתם וואס דאס איז שבה מן המזיקים לויט׳ן ערשטן ביאור, און שבה הגדול איז דער ענין פון למכה מצרים בבכוריהם, וואס דאס איז דער צווייטער פירוש פון שבה המזיקים.

וואס די הוראה דערפון איז אז בשעת מען טרעפט א אידן וואס עס ווייזט זיך אויס אז יענער איז אין א מצב פון חושך כפול ומכופל, דארף ער וויסן אז דאס איז א שפיגל, כתורה הבעש"ט ווי געבראכט אין ספרים (מאור ענים ר"פ חוקת, וראה לקו"ש ה"י נה,ב), וואס דאס איז אויך מתאים

הנחה הה׳ בלתי מוגה

- מיט -

מיט תורת הבעש"ט (כש"ט בהוספות ע׳ 68 (אות קכ"ז)) אז יעדער זאך וואס א איד זעהט איז דאס א הוראה בעבודתינו, וואס דערפאר באווייזט מען דאס איס ער זאל וויסן אז אזוי איז דאס ביי איהם, עכ"פ בדקות דדקות.

[וכידוע די מעשה פון מיטעלן רבי׳ן (סה"מ קונטרסים ח"ב ע׳ 712) וואס ער האט אמאל מפסיק געווען אין מיט׳ן א יחידות, און ער האט געזאגט אז מ׳האט איס געפרעגט א שאלה, האט ער געדארפט געפינען ביי זיך בדקות דדקות].

וואס בנוגע יענעס קען דאך זיין אז איס דוכט זיך אזוי, און ס׳איז דאך דא דער ציווי פון תורה, והוי דן את כל האדם לכף זכות (אבות א,ו), אבער בנוגע צו איס אליין, איז וויבאלד ס׳האט זאך איס אזוי געדוכט איז דאס א הוראה אז ביי איס איז דאס אזוי, און זיכער האט ער בכח צו פאדיכטן דעם ענין, ווארום אויב ניט וואלט מען איס דאס ניט באוויזען, און ער טוט דאס אין א אופן אז נאך זייענדיק אין גלות ווערט דער למכה מצרים בבכוריהם, [און וואס אזוי ווי דאס איז געווען אין גלות מצרים, אזוי דארף דאס זיין אויך אין גלות הרביעי].

און אזוי ווי מ׳שטייט דאך אין די טעג פאר פסח, און ס׳דארף דאך זיין דער ענין פון ביעור חמץ, וואס חמץ גייט אויף דעם יצה"ר, און אויך הכנסת מצה, וואס דאס איז דער יצ"ט, (ראה לקו"ת צו יב,ג. ובהנסמן שם) און ער פועל׳ט דאס אויף א צווייטן, וואס קודם התפלה דארף מען זאגן "הריני מקבל עלי מ"ע של ואהבת לרעך כמוך", און עס ווערט דער למכה מצרים בבכוריהם, אז <u>בכורי</u> מצרים - דער תוקף פון לעו"ז ווערט איבער געקערט אויף תוקף דקדושה.

און אזוי ווי שבת הגדול איז דאך געווען די התחלת הניסים והגאולה, איז כן תהי׳ לנו, ובקרוב ממש, וכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים.

ג. מ׳רעט דאך שוין וועגן דעם אלטן רבי׳נס שו"ע, און לעצטנס קאכט מען זיך וועגן לערנען דעם אלטן רבי׳נס שו"ע (ראה שיחת ש"פ תשא ש.ז.) איז כאן המקום מעורר זיין וועגן א ענין תמוה אין דעם סימן הנ"ל, וואס ער זאגט אז "בה׳ בשבת יצאו ישראל ממצרים, כמ"ש בסי׳ תצ"ד",

[וואס דרך אגב איז ניט מובן וואס דער אלטער רבי שרייבט "כמ"ש בסי׳ תצ"ד", ווארום אז מ׳קוקט אין סי׳ תצ"ד שרייבט ער "כמ"ש בסי׳ ת"ל", וואס דאס איז ניט פארשטאנדיק - ס׳איז דאך ממ"נ: עס קאן דאך ניט זיין אז אין ביידע ערטער איז דער עיקר הענין נאר אין איין ארט, האט ער אהין צו געדארפט אפשיקן (ע"ד ווי מ׳געפינט אזוי אויך אין גמ׳ אז ער שיקט אפ פון איין ארט צום צווייטן)].

וממשיך: "וכיון שט"ז בניסן הי׳ בה׳ בשבת א"כ עשרה בניסן הי׳ בשבת".

דארף מען פארשטיין: וואס דארף ער ברייננען די ראי׳ אז עשור לחודש איז געווען בשבת, ס׳איז דאך מערניט א ענין של חשבון, וואס דער מקור אויף דערויף איז דאך אין גמרא, (וכמבואר אין תוס׳ אין שבת (פז, ב. ד"ה ואותו)) איז אין תוס׳ איז פארשטאנדיק וואס ער דארף מאכן דעם גאנצן חשבון, ווארום מפורש בגמ׳ שטייט נאר אז בחמישי איז געווען יצי"מ, דארף תוס׳ מאכן דעם חשבון אז עשור לחודש איז געווען בשבת, אבער דער אלטער רבי ברייננט טאקע טעמי ההלכות, אבער צוליב וואס דארף ער ברייננען דעם גאנצן אריכות החשבון, ער קען זיך דאך פאולאזן אויף דער גמ׳ און תוס׳ ?

- נאר -

<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>

נאר דער ביאור איז, אז דאס איז נוגע להלכה, אין א פאל וואו ער איז ניט שייך צום ענין פון שבת הגדול, און ער איז שייך צו דעם ענין פון פסח. [וואס בנוגע שבת הגדול (עשור לחודש) קען מען זאגן אויף צוויי אופנים: א) דאס איז א תוצאה פון יצי"מ - ט"ו [וואס הגם אז שה"ג איז קדום בזמן איז אעפ"כ קען זיין אז ער איז א תוצאה פון יצי"מ, פונקט ווי מען געפינט בנוגע מצה פון קודם חצות און לאחר חצות, וואס מ'זאגט אז מ'דארף עסן מצה "ע"ש שלא הספיק בצקת של אבותינו להחמיץ" (נוסח ההגדה) וואס לכאורה ווי קען מען זאגן אז דערפאר עסט מען מצה, ס'איז דאך געווען פאר דעריף דער ציווי אויף אכילת מצה? שטייט דאך אויף דעריף דער ביאור, אז דער ציווי איז געווען ע"ש העתיד, ועד"ז דא, מצד דעדויף וואס מ'האט געוואוסט אז בט"ו וועט זיין די גאולה, איז געווען פאר דעריף דער ענין פון שבת הגדול] ;

ב) דאס איז א ענין בפ"ע. [ע"ד ווי מ'זעט בנוגע צו החודש הזה לכם, אז הגם דאס איז פארבונדן מיט יצי"מ, ווי ער זאגט אין מדרש (ראה שמו"ר פט"ו,יא) אז דאס איז א חודש של גאולה, איז דאך דאס אבער אויך א ענין בפ"ע, וואס דאס איז נוגע צו עיבור השנים וקידוש החדשים; ועד"ז בנוגע צו בעשור לחודש וגו' ויקחו, קען מען זאגן אז דאס איז א ענין בפ"ע, ווארום דאס איז דאך א עבודה גדולה, "משכו וקחו גו'". ואדרבה: בזכות דעם איז נגאלו ממצרים (ראה מכילתא פירש"י בא יב,ו)].

און דאס איז דער אלטער רבי מחדש, אז דער גאנצער ענין פון שבת הגדול איז נאר צוליב דעריף וואס יצי"מ איז געווען ביום החמישי, ד.ה. אז ס'איז מער ניט ווי אתוצאה פון יצי"מ.

[בנוגע צו דעם וואס מ'האט גערעדט פריער (בשיחה ב'), איז דאס אויך מתאים מיט דעם וואס מ'זאגט עפ"י קבלה, (ראה פרדס שעה"כ ע' שבת) (סתם) איז דער ענין פון בינה ווי זי איז אין מלכות, אדער מלכות ווי זי איז אין בינה, און שבת הגדול איז דער ענין פון בינה עלמא דחידותא. וואס דער ענין פון מלכות איז חכלה "דאכיל ושצי" (לקו"ת ויקרא י,ב. ובכ"מ) אז ער איז מכלה דעם לעו"ז, (וואס דאס איז פי' הדאשון אין שבת מן המזיקים) און דער ענין פון בינה איז דער ענין פון אתהפכא, (פי' השני בשבת מן המזיקים) ווארום בינה איז דאך מקור הגבורות (תניא פי"ג), און הדינים נמתקים בשרשם (תניא פל"א), וואס דאס איז דער ענין פון ויבא לו יין וגו' ויברכהו (בראשית כז,כה כז), וואס דערפאר איז יצי"מ פארבונדן מיט חמישים שערי בינה, ווי ס'שטייט אין פרדס (שער השערים בתחילתו) וע"ח וכמבואר בארוכה אין חסידות].

וואס די הוראה דערפון איז: מ'מאנט דאך פון א אידן ער זאל אויפטאן דעם ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא, איז לכאודה פון וואנענט האט ער דעם כח אויף דעריף? אויף דעם זאגט מען אים אז דער ענין פון שבת הגדול איז בלויז א תוצאה פון יצי"מ, וואס דעמאלט איז דאך געווען דער "נגלה עליהם ממ"ה הקב"ה בכבודו ובעצמו וגאלם", (נוסח ההגדה) וכידוע דער פי' פון רבי'ן נ"ע (המשך תער"ב) אז בכבודו ובעצמו איז תפארת און מלכות ווי זיי זיינען לפני הצמצום, פון דעם האט ער דעם כח אויף פועל'ן דעם אתהפכא, און וויבאלד אז דער אויבערשטער איז דאך למעלה מהזמן, און ער איז הוי' והיה' כאחד, דערפאר פועל'ט ער אויף דעם עבר ובפרט אז שבת מיני' מתברכין כולי יומין, כולל דעם טאג פון פסח.

ויה"ר אז אזוי ווי ס'איז דאך א פס"ד אין שו"ע אז שבת הגדול איז התחלה הניסים והגאולה זאל דאס זיין למטה מעשרה טפחים בשמחה וטוב לבב ובפועל ממש.

<u>הנחה הה' בלתי מוגה</u>

- מאמר -

בס"ד. שיחת ש"פ צו, שבת הגדול, י"ב ניסן ה'תש"מ.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

א. דער ענין פון שבת הגדול האט אין זיך כמה טעמים, ע"פ פשט, ע"פ רמז, ע"פ דרוש און ע"פ סוד, פארוואס ער ווערט אזוי אנגערופן – אבער לכל לראש דארף מען וויסן דעם טעם אויף דעם ע"פ ההלכה למעשה בפועל.

ווארום הגם אז די אלע טעמים (אויך די וואס לא נפסקה הלכה כמותם) זיינען אמת, און "אלו ואלו דברי אלקים חיים"[1] – פירט מען זיך אבער ניט במעשה בפועל לויט די טעמים;

משא"כ דער ענין פון הלכה קומט פון א דרגא למעלה וואס איז אמת לאמיתו, און דערפאר איז דאס "נשתלשלו מהן"[2] דא למטה אז מ'פירט זיך אזוי בפועל ממש, וכמבואר אין די דרושים[3].

וואס דערפאר געפינט מען אין דרושי חסידות אז מ'איז מבאר אין עבודה רוחניה כמה דעות וואס דער פס"ד בלייבט ניט ווי זיי – ווארום הגם אז מ'פירט זיך ניט אזוי בפועל בגשמיות, וויבאלד אבער אז אויך די דעות זיינען "דברי אלקים חיים" – קען מען דערפון ארויסלערנען ווי צו פירן זיך בפועל אין עבודה רוחנית;

ס'איז נאר א נפק"מ וועלכער ענין אין עבודה רוחנית קומט אלס דער ערשטער און דער עיקר, און וועלכער ענין קומט אלס דער צווייטער – אבער פון די אלע דעות קען מען ארויס-לערנען אן ענין אין עבודה בפועל ברוחניות.

ובדוגמת המבואר אין לקו"ת[4] בנוגע צו דעם ענין פון "שופר של ר"ה של יעל פשוט"[5], אע"פ וואס די הלכה בלייבט ניט אזוי,

ועד"ז איז מען מבאר[6] דעם ענין פון "אל תירא עבדי יעקב"[7] (וואס איז פארבונדן מיט מוצאי שבת) אין עבודה רוחנית – אע"פ וואס דער אלטער רבי האט דאס ניט אריינ-געשטעלט בסידורו אז מ'זאל דאס זאגן בדיבור, און דערפאר איז דער מנהג חב"ד אז מ'זאגט דאס ניט בדיבור[8], אבער אין

– עבודה –

------------

1) עירובין יג, ב. 2) ל' אדה"ז בתניא רפ"ג. 3) ראה אוה"ת יתרו ע' תתצד ואילך (ושם לפנ"ז ע' תתצ ואילך). ד"ה וידבר אלקים תרכ"ז (סה"מ תרכ"ז ע' רפב ואילך. ושם לפנ"ז ע' רעו ואילך). המשך תרס"ו ע' תלא ואילך. ועוד. 4) נצבים מה, סע"א. 5) ר"ה כו, ב במשנה. 6) לקו"ת בלק עב, ב. 7) ל' הכתוב – ישעי' מד, ב. ירמי' ל, י. ועוד. 8) ראה שיחת מוצאי ש"פ לך השל"ח סכ"ד.

עבודה רוחנית איז דאס שייך אויך בשעת מ'זאגט דאס ניט בדיבור.

דאס איז אבער אלץ בנוגע צו עבודה רוחנית; משא"כ אין גשמיות העולם, במעשה בפועל, קען מען זיך פירן נאר לויט איין אופן מסוים, וואס איז מדוד ומוגבל לויט די הלכה, און דוקא דער אופן איז די דרגא פון אמת לאמיתו.

ב. עד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו שבת הגדול, אז הגם עס זיינען דא כמה טעמים אין דעם ענין פון שבת הגדול - איז אבער לכל לראש דארף מען וויסן דעם טעם וואס ווערט געבראכט להלכה.

געפינט מען אז דער אלטער רבי אין שו"ע שלו[9] ברענגט א טעם פארוואס דער שבת ווערט אנגערופן שבת הגדול, און דא איז נאכמער מודגש (נוסף לזה אז אזוי איז די הלכה) אז דאס איז דער עיקר הטעם, ווארום דער דרך פון דעם אלטן רבי'ן בכ"מ אין שו"ע שלו איז, אז אפילו אויב ער פסק'נט נאר לויט איין טעם, ברענגט ער אבער אויך נאך טעמים[10], אדער ער איז עכ"פ מרמז אז עס זיינען דא נאך טעמים, און ער זאגט אז די הלכה איז לויט איינע פון די טעמים;

משא"כ בנדו"ד ברענגט ער נאר איין טעם, און ער איז אפילו ניט מרמז אז עס זיינען דא נאך טעמים.

דער אלטער רבי זאגט:

"שבת שלפני הפסח קורין אותו שבת הגדול לפי שנעשה בו נס גדול, שפסח מצרים הי' מקחו מבעשור לחודש . . ואותו היום שבת הי'",

[וואס הגם אז אין ימי החודש איז ניט גלייך שבת הגדול דעם יאר (י"ב ניסן) מיט שבת הגדול בפעם הראשונה ("עשור לחודש") - איז אבער אין דעם וואס דאס איז דער "שבת שלפני הפסח" איז דאס גלייך מיט שבת הגדול בפעם הראשונה, און מיט שבת הגדול בכל שנה ושנה - אז דאס איז דער שבת וואס "מיני' מתברכין"[11] די אלע המשכות וענינים פון ימי הפסח],

"וכשלקחו ישראל פסחיהם באותו שבת נתקבצו בכורי מצרים אצל ישראל ושאלום למה זה הם עושין כך, אמרו להם זבח פסח הוא לה'[12] שיהרוג בכורי מצרים, הלכו בכוריהם אצל אבותיהם ואל פרעה לבקש מהם שישלחו את ישראל, ולא רצו, ועשו

- הבכורות -

---

9) הל' פסח ר"ס תל. 10) ראה גם לקו"ש שבת הגדול תשל"ו רס"ז. 11) ראה זח"ב סג, ב. פח, א. 12) בא יב, כז.

הבכורות עמהם מלחמה והרגו הרבה מהם, וז"ש[13] למכה מצרים בבכוריהם, וקבעו נס זה לזכרון לדורות בשבת, וקראוהו שבת הגדול".

וואס דערפון קומט אוים צוויי ענינים: אז אין דעם שבת פאר פסח האט געטראפן א נס; און אז דאס איז געווען א נס גדול.

ג. דארף מען פארשטיין (ווי גערעדט אמאל בארוכה[14]):

וואס איז דא געווען דער נס: די בכורות האבן דאך געזעהן אז אלץ וואס משה האט געזאגט ביז איצט איז נתקיים געווארן, במילא האבן זיי פארשטאנען אז ווען משה זאגט אז עס וועט זיין מכת בכורות, וועט דאס אויך מקוים ווערן.

און וויבאלד אז "כל אשר לאיש יתן בעד נפשו"[15], איז בשעה זיי האבן דערהערט אז עס וועט זיין מכת בכורות - זיינען זיי געגאנגען טאן וואס זיי קענען נאר טאן צו מבטל זיין דעם ענין פון מכת בכורות -

איז דאך דאס אן ענין וואס איז פארשטאנדיק אינגאנצן בדרך הטבע - איז פארוואס זאגט מען אז דאס איז געווען א נס?

בדוחק קען מען ענטפערן:

מ'זעט אז אלע ענינים וואס משה האט געטאן אין מצרים האבן ניט דערנומען פרעה'ן און שרי ועבדי פרעה, וואס דער טעם לזה איז - אדער מצד זייער טבע, אדער מצד דעם וואס "אני אקשה את לב פרעה"[16], וואס דאס איז אויך כולל דעם "לב" פון שרי און עבדי פרעה.

ביז אז אפילו ווען די בכורי מצרים זיינען געקומען טומל'ן צו פרעה'ן אז ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים, ווארום אויב נים וועט זיין מכה בכורה - האט דאס זיי אויך ניט דערנומען, ביז אז אפילו דאס וואס "עשו הבכורות עמהם מלחמה והרגו הרבה מהם" - האט אויך ניט דערנומען פרעה'ן, אז ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים, והדאי' אז זיי זיינען ניט אדורים ביז פיר טעג שפעטער, בליל ט"ו ניסן ("בחצי הלילה"[17]) -

איז בשעת מ'זאגט אז דאס וואס אידן האבן געזאגט צו די בכורי מצרים אז עס וועט זיין מכת בכורות, האט דערנומען די

- בכורי -

------------

13) תהלים קלו, י. 14) לקו"ש חי"ב ע' 33 ואילך. שבת הגדול תשל"ו. 15) איוב ב, ד. 16) וארא ז, ג. 17) בא יב, כט. וראה לקו"ש ח"ו ע' 9 ובהנסמן בהע' 5 שם.

בכורי מצרים, אע"פ אז אלע אנדערע פון מצרים האט דאס ניט דערנומען – איז דאס א נס.

אבער אפילו את"ל אז דערפאר איז דאס א נס – איז אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק פארוואס איז דאס א נס גדול? ביז אז מ׳רופט אן דעם שבת ניט שבת של נס, אדער שבת ניסי וכיו"ב, נאר – שבת הגדול, דערפאר וואס אין אים האט געטראפן א נס גדול!

ד. איז דער ביאור אין דעם (כמדובר אמאל בארוכה[18]):

דער נס פון "למכה מצרים בבכוריהם" איז דער עניך פון "אתהפכא חשוכא לנהורא", ווארום דאס איז געווען אין דעם זמן ווען פרעה און מצרים זיינען נאך געווען בתקפם, נאך איידער אידן זיינען ארויס פון מצרים – און אעפ"כ האבן די בכורים פון מצרים גופא געשלאגן און גע׳הרג׳ט די מצריים.

וואס ביז דעם עניך פון "למכה מצרים בבכוריהם" זיינען טאקע געווען די נסים פון די ט׳ מכות, און דערנאך איז אויך געווען מכת בכורות – אבער דאס איז אלץ געווען אין אן אופן וואס קדושה שלאגט לעו"ז, ביז אז מכת בכורות איז געווען דורך "הקב"ה בכבודו ובעצמו שנאמר[19] ועברתי בארץ מצרים כו׳ אני הוא ולא אחר"[20];

משא"כ דער נס וואס איז געווען אין דעם שבת פאר יצי"מ איז געווען – אז די מצריים אליין האבן געשלאגן די מצריים, "שישלחו את ישראל".

ביז אז ניט נאר סתם מצריים האבן געשלאגן מצריים, נאר דאס איז געווען "למכה מצרים בבכוריהם", וואס צווישן מצרים גופא, זיינען די בכורי מצרים געווען די מובחרים שבעם.

והביאור בזה:

אין יענעם זמן ("עד שלא הוקם המשכן") איז די עבודה, אפילו בא אידן, געווען בבכורות[21], ועד"ז זעט מען בא שם בן נח, און בא עשו׳ן[22] (וואס דערפאר האט יעקב געוואלט האבן די מעלה פון א בכור[23]).

ועד"ז איז אויך בא קרבנות – אז דער מובחר איז פון די בכורות, און ווי דאס איז געווען אויך בא די קרבנות פון הבל – "מבכורות צאנו ומחלביהן"[24].

- וואס -

------------

18) לקו"ש חי"ב ע׳ 35 ואילך. שבת הגדול תשל"ו ס"ו ואילך. 19) בא יב, יב. 20) הגש"פ פיסקא ויוציאנו. 21) זבחים קיב, ב. בכורות ד, ב. במדב"ר פ"ד, ח. 22) במדב"ר שם. 23) תולדות כה, לא. במדב"ר שם. פרש"י עה"פ. 24) בראשית ד, ד.

וואס דער טעם פארוואס דער עילוי איז דוקא אין בכורות איז: וויבאלד אז דער צו ווען אן אדם איז עובד - איז דער אויבערשטער, וואס ער איז מורם און העכער פאר אלץ - דערפאר איז דער אדם העובד, און דורך וואס מען איז עובד, די קרבנות - דארפן אויך זיין פון די העכסטע, און די עלטסטע צווישן אלע, וואס דאס זיינען די בכורות פון יעדער מין.

ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו די בכורי מצרים, אז זיי זיינען געווען די מובחרים שבעם, און אלע ענינים פון מצרים איז בא זיי געווען מיט דעם גרעסטן תוקף, דערפאר וואס זיי זיינען געווען "בכורי מצרים".

וואס עפ"ז קומט אויס, אז נוסף לזה וואס די בכורי מצרים זיינען געווען די שטארקסטע פון דעם עם בגשמיות - זיינען זיי אויך געווען בתכלית העילוי אין די ענינים און אין די דרכים והשקפה פון מצרים.

ה. עפ"ז איז נאכמער פארשטאנדיק פארוואס דער ענין פון "למכה מצרים בבכוריהם" איז געווען דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא:

ענינו פון מצרים איז געווען "לא ידעתי את ה'"[25], נאר "אלקים יענה את שלום פרעה"[26], ד.ה. אז זיי האבן געהאט א שייכות נאר מיט שם אלקים[27], וואס דאס איז דער שר און דער מזל שלהם למעלה, אבער צו אלקות וואס איז העכער פאר דעם האבן זיי קיין שייכות ניט געהאט.

און וויבאלד אז די בכורים זיינען די מובחרים שבעם - איז פארשטאנדיק אז בא זיי איז דער ענין פון "לא ידעתי את ה'" (נאר שם אלקים) געווען מיטן גרעסטן תוקף, וויבאלד אז בא זיי איז די השקפה פון דעם עם אין דעם שטארקסטן אופן, כנ"ל.

בשעת ס'איז אבער געווען "למכה מצרים בבכוריהם" האט זיך אויפגעטאן דער ענין פון "כיני' וביי' אבא לשדי'[28] בי' נרגא"[29]: תמורת זה וואס ביז איצט האבן די בכורי מצרים געוואלט ממשיך זיין פון זייער מזל און שר (שם אלקים) - זיינען זיי איצטער געקומען שרייען אז מ'זאל פאלגן דעם אויבערשטן וואס איז העכער פאר שם אלקים,

ביז אז ווען פרעה האט ניט געוואלט פאלגן דעם אויבערשטן, איז "עשו הבכורות עמהם מלחמה והרגו הרבה מהם", "למכה מצרים בבכוריהם".

- און -

------------

25) שמות ה, ב. 26) מקץ מא, טז. 27) ראה תו"א שמות נ, ב. ועוד. 28) כ"ה בתניא רפל"א. 29) סנהדרין לט, ב.



הנחה הת' בלתי מוגה

און צוליב דעם נס גדול וואס איז געווען אין דעם שבת פאר יצי"מ, אז ס'איז געווען דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא, "למכה מצרים בבכוריהם" - ווערט דער שבת אנגערופן "שבת הגדול".

ו. די הוראה דערפון אין מעשה בפועל, וואס "המעשה הוא העיקר"[30]:

וויבאלד אז מ'האלט אין די טעג פאר זמן חירותנו - וויל מען דאך האבן א חירות אמיתית פון אלע ענינים[31], וואס דאס איז דוקא בשעת דער חירות איז "בכל לבבך - בשני יצריך"[32], אז אויך די ענינים פון דעם יצר שכנגד זאלן האלטן בא דעם ענין פון חירות,

וואס דאס איז דורך דערויף וואס בא דעם צד שכנגד איז דא דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא, דורך דעם וואס ס'איז דא דער "למכה מצרים בבכוריהם".

והביאור בזה:

דער ענין פון בכורי מצרים אין עבודת האדם איז - דער ענין פון מותרות און גוי'שקייט וואס איז דא ביי א אידן.

וואס די עבודה מיט מותרות דארף זיין ניט נאר אין אן אופן פון "קדש עצמך במותר לך"[33], נאר ער דארף אויסנוצן די מותרות אז זיי גופא זאלן צוברעכן די גוי'שקייט וואס איז דא ביי אים, "למכה מצרים בבכוריהם", וידע אינש בנפשי' וואס דער ענין אין דעם איז.

ולדוגמא:

אז דער אויבערשטער בענטשט איינעם מיט עשירות, ובמילא האט ער א ריבוי פון אכילה ושתי' - קען דאך ביי אים זיין דער ענין פון זולל וסובא אין דער אכו"ש, ועד"ז בנוגע צו כל צרכי האדם, וואס זיי ווערן אלע נכלל אין אכו"ש[34],

וואס בכללות איז דער ענין פון זולל וסובא אין ענינים גשמיים - דער ענין פון בכורי מצרים.

און די עבודה פון א אידן אין דעם קען דאך זיין אין צוויי אופנים: אדער ער איז זיך פורש פון די דברים גשמיים, וואס דאס איז דער ענין פון "קדש עצמך במותר לך", אדער ער

- פירט -

---

30) אבות פ"א מי"ז. 31) ראה שמו"ר פמ"א, ז (בתחלתו). זח"ב קיג, סע"ב ואילך. 32) ואתחנן ו, ה. ברכות נד, א במשנה. ספרי ופרש"י עה"פ. וראה ז"ח צז, ב. 33) יבמות כ, א. 34) ראה סנהדרין לח, א.

פירס זיך אין אן אופן פון "דייך מה שאסרה לך התורה"[35].

זאגט מען אים אז ס'איז ניט מספיק די עבודה פון "קדש עצמך במותר לך", וואס דאס איז בכללות די עבודה פון אתכפיא, נאר עס דארף ביי אים זיין די עבודה פון אתהפכא, אז עס זאל זיין "למכה מצרים בבכוריהם".

בתחלת העבודה דארף טאקע זיין אתכפיא און פרישה, און אי אפשר בלאו הכי, אבער דערנאך דארף ביי אים ניט זיין מספיק די עבודה פון אתכפיא, ביז אפילו אויך ניט די שלימות פון אתכפיא, וואס דאס איז דער "קדש עצמך במותר לך" - נאר ער דארף צוקומען צו דער עבודה אז די ענינים גשמיים וואס זיינען ביי אים דא זאלן שלאגן די גוי'שקייט וואס ער האט אין זיך, "למכה מצרים בבכוריהם".

און די עבודה איז ניט נאר אין ענינים פון לעו"ז, נאר אויך אין ענינים פון קדושה,

ווארום "למכה מצרים בבכוריהם" איז כולל אויך "מצרים" ווי חסידות[36] טייטשט דאס - מיצרים וגבולים דקדושה.

ד.ה. אז אויך די מדוה"ג, "מצרים" דקדושה, וואס זיינען ביי אים דא איז ער "מכה מצרים בבכוריהם", און דורך דעם איז ער מבטל די מדוה"ג.

ז. מ'וויל דאך אויך האבן א הודאה אין אן ענין שהזמ"ג אין וועלכן מ'קאכט זיך און מ'שטורעמ'ט, וואס דאס איז אין דעם ענין פון "והשיב לב אבות על בנים"[37] - אז בשעת מ'טוט אין דעם מבצע פסח בכלל, זאל מען זיך במיוחד משתדל זיין אין די פעולות מיט די קינדער.

איז אין דערויף האט מען אויך א הוראה פון שבת הגדול:

ווען די בכורי מצרים האבן דערהערט אז עס גייט זיין מכת בכורות אויב מ'וועט ניט ארויסלאזן די אידן פון מצרים, איז "הלכו . . אצל אבותיהם ואל פרעה לבקש מהם שישלחו את ישראל" (ווי דער אלטער רבי איז מעתיק פון מדרש[38]).

דארף מען פארשטיין:

דאס וואס דער אלטער רבי איז מעתיק אז "הלכו . . אל פרעה", איז פארשטאנדיק - ווארום פרעה איז געווען דער וואס האט געקענט מחליט זיין צו ארויסלאזן די אידן.

- ועד"ז -

------------

35) ירושלמי נדרים פ"ט ה"א. 36) ראה תו"א יתרו עא, ג ואילך. ובכ"מ. 37) מלאכי ג, כד. 38) הובא בתוד"ה ואותו - שבת פז, ב.

ועד"ז וואלט געווען פארשטאנדיק אויב עס וואלט אויך געשטאנען אז זיי זיינען געגאנגען צו עבדי און שרי פרעה - ווארום זיי האבן א צוטריט און השפעה אויף פרעה.

און אפילו דאס וואס שטייט אין מדרש אז "הלכו . . אצל אבותיהם", קען מען נאך מסביר זיין - ווארום אזוי ווי ס'איז "כרחם אב על בנים"[39], זיינען די בכורים געקומען צו-לויפן צו זייערע עלטערן, ווארום ווען די עלטערן וועלן דערהערן וועגן אזא זאך אז עס גייט זיין מכת בכורות אויב כ'לאזט ניט ארויס אידן פון מצרים - וועלן זיי טאן אלץ בכחם צו פועל'ן און לוחץ זיין אויף פרעה'ן אז ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים:

אבער פארוואס איז דאס דער אלטער רבי מעתיק אין שלחן ערוך שלו?

ח. נאר דערפון גופא האט מען די הוראה אין דעם ענין פון "והשיב לב אבות על בנים":

בשעת די גוי'שע קינדער פון מצרים האבן דערהערט אז אויב מ'וועט ניט פאלגן דעם אויבערשטן וועט זיין מכת בכורה - זיינען זיי געקומען צולויפן צו זייערע עלטערן, און זיי געזאגט: אונז איז נוגע בנפש אז איר זאלט פאלגן דעם אויבערשטן, און דערפון וועט ארויסקומען א טובה פאר אונז (די קינדער), און א טובה פאר אייך (די עלטערן), אז איר וועט האבן נחת פון אונז, און האבן כל המצטרך.

איז דאך עאכו"כ אז אזוי דארף זיין להבדיל בא אידישע קינדער, אז זיי דארפן קומען צוגייין צו זייערע עלטערן, און זאגן זיי: אונז איז נוגע בנפש אז איר זאלט טאן וואס דער אויבערשטער וויל, ובפרט אין ענינים פון חג הפסח וואס וועט באלד זיין.

און די קינדער זאגן די עלטערן, אז אפילו גוי'שע קינדער זיינען געקומען צוגייין צו זייערע עלטערן און געוואלט פועל'ן אויף זיי אז זיי זאלן פאלגן דעם אויבערשטן, און אויב ניט וועט זיין מכת בכורות;

איז דאך עאכו"כ איצטער בשעת מיר אידישע קינדער טוען דאס, דארף מען זיכער פאלגן.

וואס פון ענינים בלתי רצויים איז דאך בכלל ניטא וואס צו מורא האבן איצטער, ווארום מ'שטייט שוין נאך מ"ח, און

- מ'האט -

---

39) תהלים קג, יג. וראה פסדר"כ פי"ט (פיסקא אנכי אנכי) - הוצאת באבער קלט, א.

מ'האט די הבטחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[40] אז "עמדו הכן כולכם לקבל ברכת הוי'" . .

איז אבער דער עצם ענין פון "והשיב לב אבות על בנים - ע"י בנים"[41], שייך אויך היינט, ואדרבה - איצטער איז דאס אן ענין שהזמן גרמא.

וואס אע"פ אז "והשיב לב אבות על בנים" איז "גילה סודו אל עבדיו הנביאים"[42], אין נבואת מלאכי, שוין טויזנטער יארן צוריק, ובמילא איז דאס שייך צו אלע זמנים - זיינען אבער דא זמנים מיוחדים ווען דער ענין שטייט בהדגשה יתירה.

ס. אע"פ אז דער ענין פון "והשיב לב אבות על בנים - ע"י בנים" באווייזט אז עס פעלט אין דער שלימות פון די "אבות", און די "בנים" גיבן אין דעם צו -

וויבאלד אבער אז מ'שטייט איצטער אין א חושך כפול ומכופל, נאך פאר דער גאולה, און נאך פאר דעם "קץ שם לחושך"[43], און נאך פאר דעם "לכה מצרים בבכוריהם", און נאך פאר "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר"[44] - איז במילא שייך צו זאגן אז עס פעלט עפעס-וואס אין די שלימות פון דער עלטערן, און דערפאר איז שייך דער ענין פון "והשיב לב אבוה על בנים - ע"י בנים".

ועאכו"כ אז ס'איז שייך צו זאגן אז איצטער איז דא מעין פון דעם "ילכו מחיל אל חיל"[45] וואס וועט זיין לע"ל, וואס דאס איז עליות אין קדושה גופא[46],

ובמילא קען אויך אין די "אבות" צוקומען נאכמער שלימות אין קדושה גופא דורך די "בנים".

און בשעת די קינדער וועלן נאר גיין צו די עלטערן און רעדן מיט זיי, בדרכי נועם ובדרכי שלום, מיטן פולסטן כיבוד אב ואם - וועט מען זיכער פועל זיין אויף זיי, און מ'וועט דאס זעהן בפשטות בטוב הנראה והנגלה, למטה מעשרה טפחים.

ביז אז דאס וועט ברענגען אז עס זאל זיין א חג הפסח כשר ושמח, ביתר שאת וביתר עוז ובתכלית השלימות,

ביז צו דער העכסטער שלימות - אז מ'וועט מקריב זיין דעם קרבן פסח אין דעם ביהמ"ק הנצחי,

- וואס -

------------

40) במכתבו - נדפס בקונטרס לו בתחלתו (סה"מ קונטרסים ח"ב שצז, ב). 41) פרש"י עה"פ. 42) ל' הכתוב - עמוס ג, ז. 43) איוב כח, ג. 44) ישעי' מ, ה. 45) ל' הכתוב - תהלים פד, ח. 46) ראה אגה"ק סכ"ו.